ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# מנורת המאור
# נר ג׳ עד כלל ה׳

בלשון הקודש
ואידיש

**96**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

ואת ידך החזקה וזרועך הנטויה ובא והתפלל אל הבית הזה אתה תשמע השמים מכון שבתך · ומנין ששאלת בנין ירושלים קרויה תפלה שכן דניאל אמר בתפלתו (דניאל ט) והאר פניך על מקדשך השמם · אף לראותה קרויה תפלה שנאמר (דברים ג) ואתחנן אל ה' וגו' ה' אלהים וגו' אעברה נא וגו' · ומנין ששאלת ביאת המשיח קרויה תפלה שכן אמרה חנה בתפלתה (שמואל א ב) ויתן עוז למלכו וירם קרן משיחו · ומנין ששואלין לשמוע תפלתן ולעשות בקשתן שנאמר (תהלים לט) שמעה תפלתי ה' ושועתי האזינה אל דמעתי וגו' · ומנין ששאלת העבודה קרויה תפלה שנאמר (שמואל ב כד) ויבן דוד מזבח לה' ויעל עולות ושלמים ויעתר ה' לארץ וגו' · ומנין שההודאה על הטובה נקראת תפלה שנאמר (שם ז) כי אתה ה' צבאות אלהי ישראל גליתה את אוזן עבדך לאמר בית אבנה לך על כן מצא עבדך את לבו להתפלל אליך את התפלה הזאת · ועתה ה' אלהים אתה הוא האלהים ודבריך יהיו אמת ותדבר אל עבדך את הטובה הזאת · ומנין ששאלת ברכה נקראת תפלה שנאמר (שם) ועתה הואל וברך את בית עבדך להיות לעולם לפניך כי אתה ה' אלהים דברת ומברכתך יבורך בית עבדך לעולם ברכתו של הקב"ה קרויה שלום שנאמר (תהלים כט) ה' עוז לעמו יתן ה' יברך את עמו בשלום · הא למדת איך ברכות שמ"ע נקראות תפלה:

## קח פרק שמונה עשר

כשיתפלל אדם תפלה מעומד יחשוב בלבו לפני מי הוא עומד לפני מלך מלכי המלכים ולא יפסיק בתפלתו אפי' במחשבה וכל שכן במעשה ואפילו מלך ישראל שואל בשלומו לא ישיבנו ואפילו נחש כרוך על עקבו לא יפסיק · וגרסינן בפרק אין עומדין דף ל"ב תנו רבנן מעשה בחסיד אחד שהיה מתפלל בדרך ובא הגמון אחד ונתן לו שלום ולא החזיר לו שלום והמתין לו עד שסיים תפלתו לאחר שסיים תפלתו אמר לו כתוב בתורתך (דברים ד) רק השמר לך ושמור נפשך מאד וכתיב (שם) ונשמרתם מאד לנפשותיכם אלמלי התכתי את ראשך מי יתבע את דמך מידי אמר ליה המתן לי עד שאפייסך בדברים אמר אילו לפני מלך ב"ו היית עומד ובא אדם אחד ונתן לך שלום אם אתה מחזיר לו שלום מה היו עושין לך אמר ליה חותכין את ראשי אמר ליה והלא דברים קל וחומר מה אם אתה עומד לפני מלך בשר ודם שהיום בכאן ומחר בקבר חותכין את ראשך בסייף אני שעומד לפני מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא על אחת כמה וכמה · מיד נתפייס אותו הגמון ונפטר אותו חסיד והלך לביתו לשלום ומצינו גם כן כתוב במדרש מעשה באדם אחד שהיה עומד ומתפלל ובא נחש ועבר על רגליו ולא הפסיק אמרו לו תלמידיו רבי לא חשת בעצמך על הנחש שבא ועבר אמר להם תבוא לי שלא חשתי ושוב מעשה באדם אחד שהיה עומד ומתפלל ובא הזאב ונטל את בנו מאצלו ולא הפסיק את תפלתו כשסיים אמרו לו תלמידיו רבינו לא חשת בעצמך כשבא הזאב

דיין גרויסן נאמן אונ דיין שטארקע מאכט אונ דיין אויס גישטרעקטע ארום אונ ער וועט קומן תפלה טאן אין דעם דאזיגן בית המקדש · אזו זאלסטו צו הערן זיין תפלה פון דעם הימל אונ זאלסט טאן זיין בקשה · אונ דאס וואס מיר בעטן אין אונזר תפלה דאס גאט זאל ווידער אויף בויען ירושלים דאס לערנן מיר אפ פון דניאל דאס ער האט גזאגט אין זיין תפלה טוא דר לייכטן דיין שכינה אויף דיין פאר וויסטן בית המקדש דאס ער זאל ווידער גבויט ווערן · אונ מען מוז אויך תפלה טאן מען זאל זוכה זיין צו זעהן ארץ ישראל וויא עס שטייט ביי משה רבינו דאס ער האט גאט גבעטן ער זאל איבר פארן אונ זאל זעהן דאס גוטע לאנד פון ישראל · אונ דאס וואס מיר בעטן אין אונזר תפלה אויף דעם קומען פון משיח דאס לערנן מיר אפ פון חנה דאס זיא האט גזאגט אין איר תפלה אונ גאט וועט געבן איין שטארקייט צוא זיין מלך אונ ער וועט דער הויבן דאס הערשאפט פון זיין גיזאלבטן מלך · אונ דאס וואס מיר בעטן דאס גאט זאל צו הערן אונזרע תפלות אונ זאל טאן אונזרע בקשות דאס לערנן מיר אפ פון דוד המלך דען ער האט דרויף תפלה גטאן אונ האט גזאגט · הער צו מיין תפלה דוא גאט אונ פר נעם מיין גשרייא צוא מיינע טרערן זאלסטו ניט שווייגן אונ דאס וואס מיר בעטן מיר זאלן ווידר טאן די עבודה פון קרבנות אין בית המקדש דאס לערנן מיר אויך אפ פון דוד וויא אין פסוק שטייט אונ דוד האט גבויט איין מזבח צוא גאט אונ האט אויף גבראכט אויף אים עולות אונ שלמים אונ גאט איז דר נאך ווארן איבער גבעטן צום לאנד · אונ דאס וואס מיר לויבן אין אונזער תפלה גאט אויף אלעם גוטין וואס ער טוט תמיד מיט אונז דאס לערנן מיר אויך אפ פון דוד דאס ער האט גאט גלויבט ווייל ער האט אים גמאכט וויסן דאס זיין מלוכה וועט בלייבן ביי זיינע קינדר אונ האט גזאגט דרום האט דיין קנעכט גפונן זיין הארץ צו בעטן צוא דיר דיא דאזיגע תפלה דאס דיינע רייד זאלן זיין אמת וואס דו האסט גרעט אויף דיין קנעכט דאס דאזיגע גוטס · אונ דאס וואס מיר בעטן אין אונזר תפלה דאס גאט זאל אונז געבן שלום אונ זאל אונז בענטשן דאס לערנן מיר אפ פון דוד · וואס ער האט גזאגט אונ היינט וויל אונ בענטש דיין קנעכטס הויז · אונ דיא ברכה פון הקב"ה איז שלום וויא אין פסוק שטייט גאט וועט געבן שטארקייט צו זיין פאלק · גאט וועט בענטשן זיין פאלק מיט שלום · פון דאנען לערנן מיר אפ דאס אלע ברכות פון שמונה עשרה הייסן תפלה דרום מוזן מיר אויף די אלע זאכן תפלה טאן פר גאט:

קח וכשיתפלל אדם תפלה מעומד ווען דער מענטש דאווינט די תפלה וואס מען דארף דאמאלסט שטיין זאל ער זיך טראכטן אין זיין הארצן פר וועמן ער שטייט דהיינו פאר מלך מלכי המלכים הקב"ה אונ ער זאל ניט מפסיק זיין אין זיין תפלה אפילו נאר צו זו טראכטן אנדרע זאכן אונ כל שכן דאס ער זאל ניט אויס ריידן אין זיין תפלה · ווען שוין איין מלך פון ישראל פרעגט אין זיין שלום זאל ער אים ניט ענטפרן · אונ ווען אפילו איין שלאנג וויקילט זיך ארום זיין טריט זאל ער דאך ניט מפסיק זיין אין זיין תפלה · אויך האבין מיר גלערינט אין פרק אין עומדין · די רבנים האבן גלערינט עס איז גוועזן איין מעשה בייא איין חסיד דאס ער האט גדאווינט שמונה עשרה אין דער וועגנס · איז גקומן איין שר אונ האט אים געגבן שלום אונ דר חסיד האט אים ניט אפ גיענפערט קיין שלום · אזו האט דער שר גיווארט צו אים ביז ער האט אויס גלאזט זיין תפלה · נאך דעם אז ער האט אויס גילאזט זיין תפלה · האט דער שר גזאגט צו אים עס שטייט אין אייער תורה גייערט זיי גהיט אונ היט דיין לעבן זייער · אויך שטייט איר זאלט זייער גהיט זיין אין אייער לעבן נוא ווארום האסטו מיר ניט גענטפרט קיין שלום דען ווען איך וואלט אפ גשניטן דיין קאפ מיט איין שווערד ווער וואלט גמאנט דיין בלוט פון מיר אונ דוא אליין וואלסט שולדיג גוועזן דרינן · האט דר חסיד גזאגט צו אים ווארט מיר ביז איך וועל דיך איבר בעטן מיט רייד · דען ווען דו וואלסט גשטאנן פר איין מלך בשר ודם אונ איינר וואלט גקומן אונ וואלט דיר גגעבן שלום אונ דו וואלסט אים אפ גיענפערט שלום · וואס וואלט מען דיר גטאן · האט דר שר גזאגט מען וואלט מיר אפ גשניטן מיין קאפ · האט דר חסיד גזאגט צום שר נוא קענסטו אפ לערנן איין קל וחומר מה דאך ווען דו וואלסט גשטאנן פר אזו איין מלך וואס פון בלוט אונ פלייש איז וואס היינט לעבט ער אונ מארגן קען ער זיין טויט וואלט מען דיר אפ גשניטן דיין קאפ מכל שכן איך בין גשטאנן פאר מלך מלכי המלכים הקב"ה וואס ער לעבט אייביג אונ אייביג וואס פאר איין עונש וואלט איך גקענט האבן ווען איך וואלט דיר אפ גיענפערט · וויא דער שר האט דאס דר הערט איז ער איבר גבעטן גווארן אונ דער חסיד איז פרייא גווארן פון אים אונ איז בשלום אהיים גקומן · ומצינו ג"כ אונ מיר גפינן אויך גשריבן אין מדרש עס איז גוועזן איין מעשה בייא איין מענטשן דאס ער איז גשטאנען אונ האט גדאווינט · איז גקומן איין שלאנג אונ איז איבער גגאנגן איבר זיינע פיס אונ ער האט ניט מפסיק גוועזן האבן זיינע תלמידים גזאגט צו אים רבי האסטו דען ניט געפילט דאס איין שלאנג איז גגאנגען איבר דיינע פיס · האט ער גשווארן דאס ער האט ניט געפילט · אויך האט זיך גטראפן איין מעשה בייא איין מענטשין דאס ער איז גשטאנן אונ האט גדאווינט · איז גקומן איין וואלף אונ האט צוא גנומן זיין זון אונ ער האט דאך ניט מפסיק גוועזן זיין תפלה · וויא ער האט אויס גדאווינט · האבן זיינע תלמידים גזאגט צו אים רבי האסטו דען ניט געפילט וויא דער וואלף

אמו · וכן אביי האמר אביי אמרה לי אם יההיא מרביתיה הות רב אסי הוה ליה ההיא אמא זקנה אמרה ליה בעינא תכשיטין עביד לה בעינא גברא *איעיין לך בעינא גברא דשפיר כוותך שבקה ואזל לארעא דישראל שמע דקא סלקא ואזלא אבתריה אתא לקמיה דרבי יוחנן אמר ליה ר' מהו לצאת מארץ ישראל לחוצה לארץ אמר ליה אסור לקראת אמא מהו אמר ליה איני יודע *ארתח פורתא הדר אתא אמר ליה אסי נתרצית לצאת המקום יחזירך לשלום אתא לקמיה דרבי אלעזר אמר ליה דלמא ח"ו מרתח רתח מאי אמר לך המקום יחזירך לשלום אי איתא דרתח לא הוה מברך לך אדהכי והכי שמע *דארונה קא אתי אמר אי ידעי לא נפקי · ללמדנו מכל מעשיות אלו כמה יש לו לאדם להיות זהיר בדבר הזה ויראה זרע יאריך ימים :

שלא ראה אביו ואמו שלא אפשר לו לקיים כמותן בכל כלורך והוא נענש עליהם : וההיא מרביתיה · הות כיון שמתה אמו כיה מגדלתו : איעיין לך · אלך ואבקש אחר : ארתח פורתא ר' יוחנן : הדר אתא רב אסי אמר ניס ר' יוחנן נתרצית לצאת סבר כיס שדעתו לחזור למקומו לבבל אמר ליה רב אסי לר' אלעזר דלמא ח"ו מרסה רתח עלי ר' יוחנן וגם יש לומר ת' אסי מרתח סורתא על שאלה השיב לו תשובה וי"מ לשון עיכוב פי' שהמתין רב אסי מעט וסדר כח ליטול רשות מרבי יוחנן תרגום ויחל עוד והוריך ע"ד : דארונה של אמו כאה וכא לקבור בארץ ישראל :

כבוד אב ואם ווי מען דארף · ווי די מוטר פון רבי יוחנן איז מעוברת געווארן מיט רבי יוחנן איז זיין פאטר געשטארבן אונ אז זיא האט אים געוואונען איז זיא אויך געשטארבן · אונ אזו האט זיך גיפראגט צו אביי · פרעגט די גמרא אביי האט זיך דאך געזאגט מיין מוטער האט מיר זאבן געזאגט זעה איך דאך דאס ער האט געהאט איין מוטער · ענטפערט די גמרא עס איז געוועזן זיין אם וואס זיא האט אים אויף גיצויגן האט ער זיא גרופן מוטר · רב אסי האט געהאט איין אלטע מוטער האט זיא צו אים געזאגט איך וויל שיינע קליידער האט ער איר גימאכט · האט זיא צוא אים געזאגט איך וויל איין מאן · האט ער צו איר געזאגט איך וועל דיר זוכן · האט זיא צו אים געזאגט איך וויל איין מאן ער זאל אזו שיין זיין ווי דו ביסט האט ער זיא געלאזט אונ איז געגאנגען קיין ארץ ישראל האט ער געהערט דאס זיא ציהט אים נאך איז ער געקומען צו רבי יוחנן אונ האט אים גפרעגט אויב ער מעג גיין פון ארץ ישראל קיין חוץ לארץ האט רבי יוחנן צו אים געזאגט מען טאר ניט גיין · האט ער אים גפרעגט אונ קעגן איין מוטער מעג מען גיין האט רבי יוחנן געזאגט דאס ווייס איך ניט אונ איז אביסל ברוגז געווארן · דער נאך איז ווידר רב אסי געקומען צו רבי יוחנן רשות צו נעמן פון אים האט רבי יוחנן צו אים געזאגט אסי דו ווילסט ארויס גיין פון ארץ ישראל גאט זאל דיך אום קערן צוריק לשלום · איז ער גיקומען פאר רבי אליעזר אונ האט עס אים דער ציילט אונ האט אים גפרעגט טאמר איז רבי יוחנן חס ושלום אויף מיר ברוגז גיוועזן האט רבי אליעזר אים גפרעגט וואס האט ער דיר געזאגט · האט רב אסי געזאגט ער האט מיר געזאגט גאט זאל דיך אום קערן צוריק לשלום האט רבי אליעזר גיזאגט ווען ער זאל ברוגז זיין אויף דיר וואלט ער דיך ניט גיבענטשט · וויא רב אסי איז ארויס געגאנגען האט ער געהערט דאס זיין מוטר איז געשטארבן אונ מען האט זיא גבראכט אין איין ארון צו בגראבין אין ארץ ישראל האט רב אסי געזאגט ווען איך וואלט דאס געוואוסט וואלט איך ניט ארויס געגאנגען · פון די אלע מעשיות קען מען זעהן וויא זייער דער מענטש דארף זיין גהיט אין כבוד אב ואם דען דורך דעם וועט ער זוכה זיין קינדר צו האבן אונ וועט לאנג לעבין :

תבא